**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף אפּאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט מיט 43 יוניטס אין יוטיקע**

***Artspace Utica Lofts וועט אפפערן האוזינג און פלאץ פאר א גאלעריע פאר לאקאלע קונסטלער אין שטאט'ס וואקסנדע קונסט און קולטור דיסטריקט***

***באגלייט יוטיקע'ס 'שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו' סטראטעגיע דורכן פארברייטערן אפּאָרדעבעל האוזינג אפציעס מיט אויסגעמישטע באנוצן אין די שטאט-צענטער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז קאנסטרוקציע האט זיך אנגעהויבן אויף אן אפּאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפּמענט מיט 43 יוניטס אין יוטיקע'ס שטאט-צענטער. Artspace Utica Lofts וועט אפפערן ענערגיע-שפּאָרזאמע אפּארטמענטס פאר לאקאלע קונסטלער, און עס וועט אריינרעכענען כמעט 800 סקווער פיס פון פלאץ פאר א גאלעריע. די דעוועלאפּמענט שטופט פאראויס די שטאט'ס ציהל צו פארמערן אפּאָרדעבעל האוזינג אפציעס מיט אויסגעמישטע באנוצן אלס טייל פון איר 10 מיליאן דאלארדיגע גרענט פון די ניו יארק סטעיט שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI).

"עס קומט זיך פאר יעדן צו האבן א פלאץ וואו זיי קענען פאררופן א היים, צו וויסן אז זיי האבן א זיכערע פלאץ וואו צו גיין יעדע נאכט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "Artspace Utica Lofts טוט נישט נאר ארויפבויען אויף אונזערע אנגייענדע אינוועסטירונגען אין יוטיקע'ס שטאט-צענטער, נאר עס ארבעט אויך אין ריכטונג פון אונזער סטעיט'ס האוזינג ציהלן. די דעוועלאפּמענט זאגט עדות איבער די שטארקע שותפות צווישן סטעיט און שטאט בעאמטע, און דורכן ארבעטן צוזאמען קענען מיר פארזעצן צו בארייכערן די קוואליטעט פון לעבן און פיסגייער-פריינטליכקייט אין יוטיקע בשעת'ן צושטעלן פארזיכערטע, אפּאָרדעבעל און שטאנדהאפטיגע היימער פאר א טאלאנטפולע און פארשידנארטיגע באפעלקערונג פון קונסטלער."

אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR) אויפגעבויט אדער פרעזערווירט איבער 1,000 אפּאָרדעבעל היימער אין יוטיקע. Artspace Utica Lofts זעצט פאר די אונטערנעמונג און איז אויך טייל פון גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ארומנעמיגע האוזינג פלאן צו אויפבויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אזוי אויך צו אריבערפירן 50,000 פון די היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

Artspace Utica Lofts וועט אויפגעבויט ווערן אויף דריי ליידיגע לאַטס אויף Park Avenue אין יוטיקע'ס קונסט און קולטור דיסטריקט און אינערהאלב די געגנט וואס איז געציהלט דורך די DRI. די פלאץ געפונט זיך אין א צענטראלע לאקאציע, צווישן די Stanley Center for the Arts און די Munson-

Williams-Proctor Arts Institute. לענגאויס די מערב עק פון די שטח וועט א נייע עפנטליכע פיסגייער וועג/לענגליכע פארק געשאפן ווערן צו פארבינדן די שטאט'ס פלאנירטע נייע עפנטליכע פארזאמלונג פלאץ לענגאויס King Street.

אלע 43 אפארטמענטס וועלן זיין גענוג ביליג פאר הויזגעזינדער וואס פארדינען צווישן 40 און 80 פראצענט פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט, און זיי וועלן באדינען קונסטלער און אנדערע בארעכטיגטע מענטשן און פאמיליעס. כדי צו פארזיכערן א פארשידנארטיגע קאמיוניטי פון קונסטלער, וועט Artspace ארבעטן מיט The Center (אין די פארגאנגענעהייט גערופן די Mohawk Valley Resource Center for Refugees) צו דורכפירן געציהלטע באמיאונגען צו ארבעטן מיט קונסטלער פון פארשידנארטיגע קולטורישע הונטערגרונטן און אפשטאמען.

די פיר-שטאקיגע געביידע איז דעזיינט צו נאכקומען די פאדערונגען פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט'ס (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) 'נייע קאנסטרוקציע - האוזינג פראגראם'. די פולשטענדיג-עלעקטרישע געביידע וועט קומען מיט גאר ענערגיע-שפארזאמע הייצונג, עיר קאנדישענינג און ווענטילאציע סיסטעמען, צוזאמען מיט נייע פלאמבינג איינריכטונגען און באלייכטונג. אריינגערעכנט אינעם פראיעקט זענען פיר עלעקטרישע קאר טשארדזשינג פארטס און פיר פארבינדונגען וואס זענען גרייט פאר נאך עלעקטרישע קאר טשארדזשערס פאר צוקונפטיגע אויסברייטערונג. די געביידע וועט אויך נוצן גרינע אינפראסטרוקטור פראקטיקן ווי וואסער זאמלונג גרובער מיט פלאנצונגען און אויספלאסטערונג וואס לאזט אריבער וואסער צו אפכאפן און רייניגן שטורעם וואסער אפלויף.

די דעוועלאפמענט מאנשאפט באשטייט פון Artspace Projects, Inc., אלס דעוועלאפער און אייגנטומער, און Calogero Partners אלס דעוועלאפמענט קאנסאלטענט.

סטעיט פינאנצירונג פאר די 18.6 מיליאן דאלארדיגע דעוועלאפמענט רעכנט אריין 10.8 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט און 3.8 מיליאן דאלאר אין סאָבסידי פון HCR. די NYS קאונסיל פאר קונסטווערק האט געשאנקען 1.3 מיליאן דאלאר. דער פראיעקט איז געשטיצט געווארן דורך א $650,000 גרענט פון יוטיקע'ס DRI קאסע. NYSERDA האט צוגעזאגט $172,000 אין פינאנצירונג. די סיטי אָוו יוטיקע האט געשאנקען $700,000 פון דעם 'אמעריקאנער רעטונג פלאן אקט' קאסע.

**HCR קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "Artspace Utica Lofts וועט ברענגען 43 אפאָרדעבעל היימער און פלאץ פאר א גאלעריע צו שטיצן יוטיקע'ס שטאט-צענטער'ס וואקסנדע און פארשידענארטיגע שעפערישע קונסט קאמיוניטי. די סטעיט'ס אינוועסטירונג אין די דעוועלאפמענט און אין פילע אנדערע דעוועלאפמענטס, צוזאמען מיט די 10 מיליאן דאלארדיגע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו, וועט זיכער מאכן אז יוטיקע'ס רעפוטאציע אלס א פארשידנארטיגע, לעבהאפטיגע און ווארעם-ענטפאנגענדע שטאט ווערט נאר שטערקער. איך באדאנק מעיאר פאלמיערי פאר זיין שותפות אויף דעם פראיעקט און אזויפיל אנדערע, און איך גראטוליר אים אויף זיינע פילע עררייכונגען אין זיין צייט אויפן אמט. און א דאנק פאר Artspace Projects, Inc. פארן מאכן דעם באגייסטערנדן פראיעקט פאר א מציאות."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "איינמאל עס וועט זיין פארענדיגט, וועט Artspace Utica Lofts ארויסווייזן די הויפט ראלע וואס ענערגיע שפארזאמקייט קען שפילן ביים בויען אפאָרדעבעל פלעצער פאר אויסגעמישטע באנוצן וואס שטעלן צו קוואליטעט און באקוועמליכקייט פאר איינוואוינער וועלכע וואוינען און ארבעטן דארט, בשעת'ן רעדוצירן שעדליכע עמיסיעס און אונז ברענגענדיג נאענטער צום עררייכן ניו יארק'ס ריינע-ענערגיע ציהלן. אלס טייל פון

גאווערנער האָקול'ס לאנד'ס-פירנדע ריינע ענערגיע און קלימאט אגענדע, זעהען ניו יארקער אריבער די סטעיט ממשיות'דיגע בענעפיטן וואס באַרייכערן זייער לעבנס שטייגער און העלפט אראפנידערן ענערגיע בילס."

**סעקרעטערי אָוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו איז א פילפאכיגער עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראם וואס וועבט צוזאם ביזנעסער, דזשאבס, האוזינג און קולטור אלס טייל פון אן איבערבויאונג פלאן, און דאס איז די סיבה פארוואס קונסט און קונסטלער זענען געווארן א מער און מער קריטישע עלעמענט פון די סחורה פון וואס א לעבהאפטיגע, פארשידנארטיגע און אריינגעמיגע שטאט-צענטער איז געמאכט. די פאקט אז דער פראיעקט וועט בכוונה אפפערן אפאָרדעבעל האוזינג געלעגנהייטן פאר אימיגראנטן און פליטים איז נאך אן עדות איבער יוטיקע'ס פארפליכטונג צו פארשידנארטיגקייט און אפשטאם און צו געזעלשאפטליך-עקאנאמישע גערעכטיגקייט אין איר אויפשטייגנדע שטאט-צענטער."

**קעטערין ניקאָלס, פארזיצערין פון די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק, האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק איז שטאלץ צו שטיצן די וויכטיג איבערבויאונג מיט א 1.27 מיליאן דאלארדיגע אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן גרענט. איניציאטיוון מיט א ווייטע בליק פון די סארט פארוואנדלען די אידעאלן פון קונסט און קולטור צו ווערן דירעקטע שריט. מיר אפלאדירן Artspace Utica אויפן אנהויבן דעם פראיעקט וואס וועט שאפן דזשאבס, פארשטעקערן זייער קאמיוניטי און אריינגעבן א חיות אין דעם ראיאן'ס איינוואוינער און באזיכער. אין נאמען פון די איינגעשטעלטע און די קאונסיל, וויל איך באדאנקען גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור פאר זייער שטיצע פון די טראנספארמאטיווע פראיעקטן וואס וועלן ברענגען די ממשיות'דיגע בענעפיטן פון קונסט און קולטור פאר פילע קומענדיגע דורות."

**סטעיט סענאטאר דזשאָוסעף א. גריפאָ האט געזאגט,** "די Artspace Utica Lofts וועט אפפערן אן אפאָרדעבעל, ענערגיע-שפארזאמע האוזינג אפציע פאר קונסטלער אין די געגנט און א נייע פלאץ צו ארויסווייזן זייער ארבעט. איינמאל עס וועט זיין פארענדיגט, וועט דער פראיעקט ארויפבויען אויף די וואוקס וואס קומט שוין פאר אין יוטיקע, אניידע קאונטי און די מאוהאק וואלי."

**אסעמבלי מיטגלידערין מעריען באָטענשאָן האט געזאגט,** "איך קוק ארויס צו זעהן די פארענדיגונג פון דעם Artspace Utica Lofts פראיעקט. דאס גיבן א נייע באדייט פאר די ליידיגע לאַטס אין יוטיקע'ס קונסט און קולטור דיסטריקט, און אזוי אויך דאס אויפבויען אפאָרדעבעל האוזינג און א גאלעריע און פלעצער פאר די קאמיוניטי, איז א באגייסטערנדע צוגאב צו די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו. איך וויל באדאנקען ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל, גאווערנער האקול און די סיטי אָוו יוטיקע פאר זייער פעלזן-פעסטע שטיצע."

**יוטיקע מעיאר, ראבערט מ. פאלמיערי, האט געזאגט,** "קונסטווערק אין די שטאט איז שוין פון לאנג א שטארקע באשטאנדטייל פון די קוואליטעט פון לעבן אין יוטיקע, ווי אויפגעוויזן דורך אזעלכע אינסטיטוציעס ווי Munson, Sculpture Space, די Stanley, Player’s Theatre, די Uptown Theatre for Creative Arts, Film Utica און פילע אנדערע וועלכע זענען צו פיל צו אויסרעכענען. צום ערשטן מאל אין די שטאט'ס היסטאריע, וועט אבער Artspace Utica Lofts זיין א היים פאר קונסטלער פון אלע סארטן צו וואוינען, ארבעטן און ארבעטן צוזאמען. די אנאנס איבער די אנהויב פון קאנסטרוקציע איז די הויכפונקט פון פילע יארן פון שווערע ארבעט, גייענדיג צוריק אזוי פרי ווי 2016, ווען דער לאקאלער ארכיטעקט, באב היינס, האט ארויפגעברענגט די געדאנק פון Artspace צו אונזער קאמיוניטי. איך באדאנק גאווערנער האקול, HCR קאמישאנער וויסנאָסקעס צוזאמען מיט NYS קאונסיל פאר קונסטווערק און די NYSERDA פארן פארשטיין די וויכטיגקייט פון דעם פראיעקט פאר יוטיקע'ס שטאט-צענטער און פארן זיך באטייליגן אין די פינאנצירונג וואס האט אונז געברענגט צו די היינטיגע אנאנס."

**בעקי קארלסאן סעינט קלעיר, דירעקטארין פון פראפערטי דעוועלאפמענט ביי Artspace, האט געזאגט,** "Artspace איז באגייסטערט צו אנהויבן קאנסטרוקציע אויף Artspace Utica Lofts. עס איז שוין פון לאנג ערווארטעט, און די קאמיוניטי איז געווען געוואלדיג שטיצנד אזוי ווי מיר האבן מאנעווורירט אריבער שוועריגקייטן. מיר גלויבן אז דער קאמיוניטי-אנגעהויבענער פראיעקט וועט זיין טראנספארמאטיוו פאר Park Avenue און פאר די שטאט-צענטער און אז עס וועט בענעפיטירן די שטאט אין אלגעמיין."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן